1918 ביז 1934, פון לאָדזער טאָגבלאַט. דאָרטן אויך געדרוקט פּאָליטישע איבערזיכטן וועגן ארץ־ישראל ענינים. איז, זינט 1937, אַן אַדוואָקאַט. וואוינט אין תל־אביב.

ד. תדהר, אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו ג, ז״ז 1264־1265.

## גאָטהעלף, יהודה — (19 נאָוו׳, 1903 — )

— געב׳ אין וואַרשע, פּוילן, אין אַ באַלעבאַטישער סוחרישער משפּחה. האָט געלערנט אין חדר, גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט פילאָסאָפיע און וועטערינאַריע אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. איז אין זיינע פריע יוגנט־יאָרן געווען טעטיק אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „השומר הצעיר״ און „החלוץ״. האָט אַ צייט געאַרבעט ווי אַ לערער אין אַ העברעאישער גימנאַזיע אין וואַרשע. אין 1929 איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל און געווען איינער פון די גרינדערס פון „קיבוץ חדרה״. ער איז אויך געווען פון די אַקטיווע טוערס אין דער אָנפירונג פון „קיבוץ ארצי״ ביים „השומר הצעיר״. אין 1935־1932 געווען אין פּוילן, ווי אַ פאַרשטייער פון דעם „השומר הצעיר״. איז שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין א״י און ביז 1948 געווען טעטיק אין דער מפּא״י. סוף 1948 איז ער אַריבער צו מפ״ם פון „השומר הצעיר״ און „אחדות העבודה״. ג׳ האָט רעדאַקטירט אין די העברעאישע אויסגאַבעס השומר הצעיר, דו־שבועון, וואַרשע, 1927. בעת דער גרינדונג פון דער פּועל״צ ט״צ דאָס וואָרט, וואַרשע, 1933, איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע. האָט דאָרטן דעביוטירט אין יידיש מיט אַן אַרבעט: „פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע און חלוציש קאָאָפּעראַציע״. האָט זיך באַטייליקט אין דאָס וואָרט, דאָס נייע וואָרט, וואַרשע, 1937־1933; ניי־יוגנט, המצפה, בדרך, וואַרשע, און אידישער קעמפער, נ״י. זינט 1938, איז ער אַ רעד־מיטגליד פון דבר, ת״א. אין בוכפאָרם: ספר השומרים, תורת המעשה, בשתלמות א״א. זיין בראשור מדוע פרשתי ממפלגת פועלי א״י? (ת״א, 1948, 16 ז׳), האָט אַרויסגערופן וויכוחים צווישן די יידישע אַרבעטער אין א״י. איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון דער יידישער ביילאַגע פון דער השומר־הצעיר צ״ש העתיד, וואַרשע, 1932־1928. אויך פון ספר השנה של אגודת העתונאים, ת״א. סוף 1957 האָט ער באַזוכט פּוילן, און פאַרעפנטלעכט אין דבר אַ סעריע אַרטיקלען וועגן מצב פון דאָרטיקן יידישן לעבן.

ד. תדהר, אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו, כ׳ ד, ז׳ 1838; נ. קאַנטאָראָוויטש, פון נאָענטן עבר, 3, נ״י, 1957, ז׳ 292.

## גאָטלאָבער, אַברהם־בער — (14 יאַנ׳, 1811

— 12 אַפּריל, 1899) — געב׳ אין אַלט־קאָנסטאַנטין, (אַלט־קאָסנטין), וואָלין, אוקראַינע, וואו זיין פאָטער,

חיים גאָטלאָב, איז געווען אַ חזן. אַ קורצע צייט געלערנט אין חדר, דערנאָך ביי מלמדים און לערערס, אונטער דעם פאָטערס השגחה. דער יונגער ג׳ האָט אויך געזונגען און שפּעטער, זיך אַפילו געקליבן צו ווערן אַ חזן אין אַ קאָרשול. לויט די מנהגים פון יענער צייט, האָט מען ג׳ן באַלד נאָך בר־מצווה חתונה געמאַכט מיט אַ מיידעלע וואָס איז אַלט געווען 12 יאָר, פון שטעטל טשערניכאָוו, און אים באַזעצט אויף קעסט ביים שווער, אַ פאַרברענטן חסיד. אונטער זיין איינפלוס איז ג׳ אויך געוואָרן אַ חסיד, אַ חב״דניק, און האָט געלערנט קבלה. ווען ס׳איז אַרויס ניקאָלאַי דעם ערשטנס גזירה וועגן מיליטער־דינסט פאַר מינדעריאָריקע (אויגוסט, 1827), איז ער, צוזאַמען מיטן פאָטער, אַנטלאָפן קיין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט יוסף פּערל, און אונטער זיין השפּעה זיך גענומען אָפּגעבן מיט השכלה. דערווייל איז זיין פאָטער געשטאָרבן און ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צום שווער. ער האָט געלעבט גליקלעך מיט זיין פרוי, וואָס האָט אים שוין געהאַט געבוירן אַ יינגעלע. אַזוי ווי ער איז פאַר דער צייט געוואָרן אַ משכיל, האָבן די חסידים, צוזאַמען מיטן שווער, אויפגעהויבן אַ טומל, אים פאַרמסרט פאַרן רבין און געצוואונגען זיך צו גטן מיט זיין פרוי און פאַרלאָזן זיין קינד. ג׳ האָט געוואָלט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד שטודירן, האָבן אים די קרובים צום צווייטן מאָל חתונה געמאַכט, דאָס מאָל מיט אַ ישובניקס אַ טאָכטער. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינלעבן מיט דער צווייטער ווייב און איז אינגיכן פון איר אַוועק. דערווייל איז זיין דריי־יאָריק יינגעלע געשטאָרבן און ג׳, אַ פאַרביטערטער און אַ צאָרנדיקער, איז אַרויס אין אַ פאַרעקשנטן קאַמף קעגן חסידות און געוואָרן דער „פייערדיקער מיסיאָנער פון דער השכלה־אידייע״ (צעדערבוים). אין 1830 האָט ער זיך אין שטעטל באַר, ביי אַ משכיל אין שטוב, באַקענט מיט מענדל לעפינס ספרים אין העברעאיש און אין יידיש, און דאָס האָט אים געגעבן אַ שטויס צו פּרואוון אויך זיינע אייגענע כחות אין דער יידישער שפּראַך. ער איז אַוועק קיין אָדעס, פון דאָרט — קיין קעשענעוו, דובאָסאַר, דובנע און אַנדערע שטעט, האָט אומעטום זיך באַקענט מיט משכילים, געלעבט פון מלמדות, געזעסן „אויף קאָנדיציעס״, האָט ערנסט שטודירט די דייטשע שפּראַך, איבערגעזעצט שילערן אין העברעאיש און יידיש, צונויפגעשטעלט פריילעכע קופּלעטן אין יידיש, אַליין געשריבן צו זיי די מעלאָדיעס און — ווי איינער פון די אַמאָליקע „געזעליקע לייט״ — זיי אַליין פאַרגעזונגען פאַר זיינע צוהערערס. אין 1832 האָט ער זיך אין קרעמעניץ געטראָפן מיט ר׳ יצחק בער לעווינזאָן (רי״בל), וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, האָט חתונה געהאַט צום דריטן מאָל אין בערדיטשעוו, און זיך באַזעצט אין דובנע, וואו די משכילים פון שטאָט האָבן זיך גרופּירט אַרום אים. ג׳ האָט שוין דעמאָלט געשריבן שירים אין יידיש, אָבער אַ

גרויסער טייל פון זיי איז פארלוירן געגאנגען. ארום 1837 האט ער באזוכט זאמאשטש און דארט זיך געטראפן מיט ר״ר שלמה עטינגער, וועלכער האט אים פארגעלייענט זיין קאמעדיע סערקעלע. אונטערן רושם פון דעם ווערק האט ג׳, אין 1838, אנגעשריבן זיין דריי־אקטיקע קאמעדיע דער דעקטוך, אדער צוויי חופות אין איין נאכט, וואס איז א לאנגע צייט, פונקט ווי די אנדערע ווערק זיינע אין יידיש, ארומגעגאנגען אין מאנוסקריפט און איז ערשט אין 1876, אין א פארגרייזטער פארם, אפגעדרוקט געווארן אין ווארשע. אין די 30ער און 40ער יארן האט ג׳ געשריבן א סך אין יידיש, הגם זיין באציאונג צו דער שפראך איז געווען א סתירותדיקע. פון איין זייט האט דער משכיל אין אים פאראכט די „שפראכע אהנע ליטעראטור, אהנע גראמאטיק, אהנע לאגיק" (פון זיינעם א בריוו צו א באקאנטער דאמע), פון דער אנדערער זייט האט דער פאלקסמענטש און פאלקס־שרייבער אין אים פארשטאנען, אז „העלפן אונדזער פאלק און היילן זיינע וואונדן קאן מען נאר ווען מען רעדט צו אים אויף זיין שפראך" (פון ג׳ס א בריוו צו יהושע שטערנבערג). אין 1841, בשעת ליליענטאל האט אנגעהויבן זיין מיסיע צו העלפן דער רוסישער רעגירונג עפענען שולן פאר יידישע קינדער, איז ג׳ ארומגעפארן איבער יידישע שטעט פראפאגאנדירן ליליענטאלס געדאנק. נאכן דורכפאל פון ליליענטאלס פלענער, האט ג׳ איבערגעלאזט זיין פאמיליע אין דובנע און איז אוועק קיין זשיטאמיר זיך גרייטן צום עקזאמען אויף לערער. ווען ער האט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען אין 1851, איז ער באשטימט געווארן פאר א שול־לערער, צו ערשט אין קאמעניעץ־פאדאלסק, דערנאך (1855) אין אלט־קאנסטאנטין, און אין 1865 האט מען אים, ווי אן אויסדרוק פון אנערקענונג פאר זיין דערפאלגרייכער פעדאגאגישער ארבעט, באשטימט פאר א לערער אין דער זשיטאמירער ראבינער־שול. די ווייטערדיקע 8־7 יאר זענען געווען די גליקלעכסטע אין זיין לעבן. דאס איז געווען דער גלאנץ־פעריאד פון דער השכלה אין רוסלאנד און ג׳ איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע ווארט־זאגער אין אט דעם פעריאד. ווי א סך אנדערע משכילישע פירער, האט ער אויך פארטיידיקט די רוסיפיקאטארישע פאליטיק פון דער צארישער רעגירונג בנוגע יידן. אין זיינע פאליטישע און סאציאלע אנשויאונגען פון יענער צייט איז געווען פונקט אזא סתירהדיקייט ווי אין זיין באציאונג צו יידיש. פון איין זייט א רעאקציאנער, א קעגנער פון יעדן מין רעוואלוציע (זען זיין העברעאיש ליד „אל השנה היוצאת שנת תר״ח", 1848; זיין פאמפלעט אגרת צער בעלי חיים, 1868), פון דער צווייטער זייט א מוטיקער קעמפער, מיט הומאר, קעגן די רייכע רעדלפירער (דער גלגול און אנדערע ווערק אין יידיש).

אין משך פון די דריי צענדלינג יאר — 40ער ביז 70ער — האט ג׳ אנגעשריבן זיינע בעסטע יידישע ווערק, וואס אלע זיינען זיי געדרוקט געווארן ערשט



א סך שפעטער. פיל פון זיי זיינען געווען פארלוירן געגאנגען צוזאמען מיט דער לידער־זאמלונג פעלדבלומען. אבער סוף 20ער — אנהייב 30ער יארן פון הייניקן י״ה האט די יידיש־פארשונג אין סאוועט־רוסלאנד דעם גרעסטן טייל געפונען. כראנאלאגיש זיינען ג׳ס יידישע ווערק געשריבן געווארן: דאס שטרייכל מיטן קאפעליוש, 1841; דער סעים אדער די גרויסע אסיפה אין וואלד, ווען די חיות האבען אויסגעקליבען דעם לייב פאר א מלך, א סאטירישע פאבל־פאעמע, 1842, צום ערשטן מאל געדרוקט אין זשיטאמיר, אין 1863; דער בינדע ישראליק, א זייער פאפולער ליד, 1843, צום ערשטן מאל געדרוקט אין היועץ, בוקארעשט, 1876; גזירה דייטשען, 1845; דאס גרויסע קינץ אדער דאס ביסעלע מינץ 1845, איז טיילווייז אריין אין דעם שפעטערדיקן ווערק דער גלגול; אין דער פולער פארם אפגעדרוקט אין זמ״ב צייטשריפט, ב׳ 5, מינסק, 1931; אינעם זעלביקן נומער צייטשריפט זענען אויך צום ערשטן מאל אפגעדרוקט געווארן: ג׳ס ליד די דעפוטאטען, זיין דידאקטישע פאעמע די פארקערטע וועלט, די פאעמע רב איציק גער און מיין ליד, צוויי וואריאנטן פון איש חסיד, צום ערשטן מאל אפגעדרוקט אין שלום עליכמ׳ס זמ״ב די יודישע פאלקס־ביבליאטהעק, ב׳ 2, 1889. אין די היסטארישע שריפטן פון ייווא, ב׳ 1, ווארשע, 1929, איז צום ערשטן מאל געדרוקט ג׳ס ליד דער יוד אין קיעב (קיעוו), וואס איז אויך געווען אין דער פארלוירענער לידער־זאמלונג. די אלע ווערק זיינען קאנטיק געשריבן געווארן אין די שפעטע 40ער יארן. אין 1863 (ווען דאס איז געשריבן געווארן, איז ניט באקאנט), איז אין אדעס דערשינען ג׳ס גרעסער ווערק דאס ליד פיו׳ס קוגעל (פאראדיע אויף שיללערס „ליעד פאן דער גלאקקע"). אין 1871 איז אין קול מבשר געדרוקט געווארן זיין באקאנט, אפשר בעסט, ווערק דער גלגול — א הומאריסטישע ערצעהלונג, ארויסגעגעבען פון דעם גבאיס אייניקעל, שפעטער ארויס אין בוכפארם אין ווארשע, 1896, 110 ז׳. דאס איז א פרייע נאכמאכונג נאך יצחק ערטערס הצופה לבית ישראל. א שארפע סאציאלע סאטירע אויף געוויסע זייטן פון דעם יידישן לעבנסשטייגער. אין 1873 האט זיך די זשיטאמירער ראבינער־שול פארמאכט און ג׳ האט זיך צוריקגעקערט קיין דובנע, וואו עס האט געוואוינט זיינער אן איידעם. אין 1874 האט ער זיך ווידער אוועקגעלאזט איבער דער וועלט קלייבן פרענומעראנטן פאר זיין העברעאישער איבערזעצונג פון לעסינגס נאטהאן דער ווייזע (נתן החכם), האט באזוכט פיל שטעט אין גאליציע, געקומען אויך קיין ווין, וואו פרץ סמאלענסקין האט אים געהאלפן אפדרוקן דאס בוך. צוריק אין דובנע, האט ער, אין 1876, גערינדעט דעם זשורנאל הבוקר אור, וואס האט זיך ביז 1878 געדרוקט אין לעמבערג און איז דערנאך אריבערגעפירט געווארן קיין ווארשע. די פאנראמען פון די 80ער יארן האבן אויך אין ג׳ס שטימונגען אריינגעבראכט אן איבערבראך. אנשטאט דער פריערדיקער

רעגירונגס־געטרייער השכלה, איז געקומען חיבת־ציון, און אין זיינע נייע לידער רופט דער אַלטער שרייבער צו „גיין אין שול אַריין", יידישעס פאָלקסבלאַט, פט"ב, 1882, נומ' 10, צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע (די מאַמע מיט די קינדער, דער יודישער וועקער, אָדעס, 1882), און ער שלאָגט זיך על חטא פאַר זיין פריערדיקן רופן צו רוסיפיקאַציע און אַסימילאַציע. נאָך דעם ווי דער הבוקר אור האָט זיך אָפּגעשטעלט, אין 1886, האָט ג' אַ שטיק צייט געלעבט אין דובנע און אין ראָוונע, און איז נאָך דעם אַריבערגעפאָרן צו זיין טאָכטער און איידעם אין ביאַליסטאָק. די לעצטע, זייער ווערט־פולע און זייער אינטערעסאַנטע אַרבעט זיינע אין יידיש איז געווען זכרונות וועגן יודישע שרייבער, געדרוקט אין ש"ע־ס יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק, ב' 1, קיעוו, 1888.

אין די לעצטע יאָרן איז דער אַלטער אב"ג געווען בלינד, און ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 88 יאָר. ג"ס פערזענלעכע דעראינערונגען, ווי אויך די אַלע מאַ־טעריאַלן וועגן זיין לעבן און טעטיקייט, וואָס האָבן אַן אומגעהייערן ווערט פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור אין 19טן י"ה, האָט איבערגעזעצט און באַאַרבעט אייזיק פרידקין אין דעם בוך אברהם־בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע, ווילנע, פ"ג קלעצקין, 1925, 380 ז'. אַן אויסגאַבע פון ג'־ס געזאַמלטע ווערק אין יידיש, צוגעגרייט פון ז. רייזען און א. פרידקין, ווי דער צווייטער באַנד פון א. ב. גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע, איז אַרוים אין ווילנע, אין זעלביקן פ"ג, אין 1927, 267 ז'. זכרונות וועגן א. ב. גאָטלאָבערן האָבן געשריבן י. ח. זאַגאָראָדסקי, ספר השנה, תר"ס — 1900, און זיין תלמיד, ל. פייגין, אין ביאַליסטאָקער דאָס נייע לעבן, נומ' 14, 1925. גאָט־לאָבערס מאַנוסקריפּטן האָט אויפגעהיט ד"ר ישראל צינבערג.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב' 1 (מיט אַ ביבליאָגראַפיע); ז. זילבערצווייג, טעאַטער־לעקסיקאָן, ב' 1 (מיט אַ ביבליאָ־גראַפיע); נ. שטיף, די עלטערע יידישע ליטעראַטור, קיעוו, 1929, ז"ז 119-142; ז. סקודעצקי, צייטשריפט, ב' 5, מינסק, 1931; מ. ערי̈ק און א. ראָזענצווייג, די ייד' ליטעראַטור אין 19טן י"ה, קיעוו־כאַרקאָוו, 1935; ד"ר י. צינבערג, די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, ב' 8, בוך 2, ווילנע, 1936, ז"ז 202-215; י. רומיניק, זט"ב מענדעלע און זיין צייט, מאָסקווע, 1940, ז"ז 221-225; ש. ניגער, דערציילערס און ראָמאַניסטן, ב' 1, נ"י, 1946, ז"ז 60-63; ד"ר י. קלוזנר, היסטוריה של הספרות העברית החדשה, ירושלים, תש"ט, ב' 5, ז"ז 121-133, 331-389, 396; ש. לאַסטיק, די יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקער, וואַרשע, 1950, ז"ז 200-205; אַ. צייטלין, ייווּאָ־בלעטער, ב' 36, נ"י, 1952; ד"ר י. שאַצקי, געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, ב' 3, נ"י, 1953, ז"ז 279-281, 311; דב סדן, קערת אגוזים, ת"א, תשי"ג, זוכצעטל; י. ליכטנבוים, הסיפור העברי, אַנ־טאָלאָגיע, ת"א, 1955, ז' 516; ח. ש. קאַזדאַן, פון חדר און שקאָלעס ביז ציש"אָ, 1956, זוכצעטל. אַ. דימאָוו, צוקונפט, נ"י, אַפּריל, 1957.
A. A. Roback, *The Story of Yiddish Literature*, N. Y. 1940, p. 88.

י. כ־ש